STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03999

SHTRALN

Nachman Wiener

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן ווינער

שטראַלן

לידער און פאבלען

ארויסגעגעבן פון די
אינדעפענדענט ארבעטער רינג ברענטשעס
אין פאטערסאן
1924

Copyright by
N. WIENER
1924

פינסקי־מזל פרעס, אינק.,
448
84 באוערי, ניו יארק.

אינהאַלט:

1. גייסט און געוויסן

דיכטער און מאסע — 7
אַ באַליידיגטער — 8
אַ קראַנקער קינסטלער — 9
אַ גערטנער — 10
אַ ביימל — 11
קריטיקער — 12
פופציק יאָר אַלט — 13
מאַריאַנע — 14
זי האָפט — 15
אַ פאַרמעגנס — 16
„אָווערטיים" — 17
עס ברענט אַ שיף — 18-19
אין שליטן — 20
שוואַרץ־ווייסע טויבן — 21
ליבע צו הינט — 22

2. לירישע לידער

מיין מוזע — 25
איך וועב און וועב — 26-27
מיין אידעאַל — 28
איך און דו — 29-31
אין שכינה־שאָטן — 32
פרילינג — 33-34
האָפענונג — 35
זמן חרותנו — 36-37
איך ווינש אייך — 38
שלום — 39

מיין לעבן — 40
חושך — 41
אַן קאַמפּאַס — 42-43
ווער קאָן שווייגן — 44
אַ חבר — 45
דיין מאַכט — 46
קום נישט צו שפּעט — 47
ביזט געקומען צו שפּעט — 48
אייגנליבע — 49
ליבע — 50
געפאנגען — 51
מיין פּאַלאַץ — 52
צו... — 53
בענקשאַפט — 54

3. באַלאַדן

לא־תרצח — 57-60
עבר קלאנגען — 61-68

4. פאַבלען

פערד — 71-75
דער ווייס־רויטער האָן — 76-77
צוויי הינט — 78-79
דאָס פערד און דער אייזל — 80-81
דער הונט און דאָס פערד — 82
די שוואַלב און די טויב — 83-84
די פליג און די בין — 85
דער האָן און דער אָדלער — 86-87
דער העלפאנט און דער פוקס — 88-89
די מויז און דער פויגל — 90-91
דער לייב, דער טיגער און דער האָז — 92-94
דער כלב — 95
דאָס חזיר און די ציג — 96

פון דעם ביכער אוצר
פון
יעקב און רבקה לעווין

גייסט און געוויסן

דיכטער און מאַסע

גייט אַ דיכטער אין די גאַסן
און די אויגן הויבט צום הימל;
טראָגט זיין שאַפונג צו די מאַסן
אויף צו וועקן זיי פון דרימל.

ער, דער קינסטלער הערט לצנות
פון דער מאַסע — ער פאַרטיידיגט;
אים איז באַקאַנט דאָס עקשנות
און ער פילט זיך נישט באַליידיגט.

ברייטער עפנט ער די אויגן:
„דאָס אייזן קאַלט, דאַרף איך שמידן,
דאָס שטאָל היים, איז לייכט צו בויגן,
און היים וואַסער הויבט אָן זידן.“

זידן זיי די ברייטע מאַסן:
„ווער דאַרף אים דאָס פּאַר אַ לערער?
זאָלן לעזן רייכע קלאַסן, —
אונזער לעבן איז אַ שווערער.“

ווערט דער דיכטער נישט געפאַלן,
הערנדיג די מאַסע ליאַרמען;
ער שאַפט וואָס מער קלאָרע שטראַלן —
קאַלטע הערצער צו דערוואַרמען.

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

א באַליידיגטער

אליין עס וואַנדערט תמיד
אַ זינגער יאָרן לאַנג;
ר׳וויל שטעלן זיך צום עמוד —
אויסגיסן זיין געזאַנג.

עס טרעפט אין שול א שומר,
טרייבט אים ארויס מיט שפּאָט;
זינגט ער אין וואַלד פאַר בוימער —
זיין וויי־געזאַנג צו גאָט.

די פייגל אויף די צווייגן,
זיי הערן שטיל זיך איין;
די טענער העכער שטייגן —
פון טיפן הארץ די פּיין.

דער לייב, דער טיגער ברומען,
באַגלייטונג זינגט דער ווינט:
בלאָס ווערן די וואַלדבלומען,—
עס וויינט דאָס דיכטער קינד.

ער זינגט פאַר מענשן לידער —
חיות שטייען ארום;
דער זינגער פאַלט א מידער
און זיין געזאַנג ווערט שטום.

דער קראַנקער קינסטלער

זיצט אין הויז אַ קראַנקער דיכטער,
מיט צער זיין נשמה זאַט;
מורמלט: „פופציג טויזנט טעגליך,
לעזער־פריינט האָב איך געהאַט.“

זיינע אויגן לייכטן קלאָרע,
ווי די זון אין תמוז שיינט:
„אַך, פופציג טויזנט פאַרערער —
וואָלט איך כאָטש פאַרמאָגט אַ פריינט.“

שטייט דער קינסטלער, ווי אַ פּאַלמע,
נישט געבויגן פון קיין ווינט:
„אַך, די מאַסן צייטונגס קויפער! —
ווי די נאַכט איז פינסטער, בלינד.“

זיין רעדאַקטאָר אין פּאַלאַצן,
באָדט זיך דאָרט אין „רויטן“ ווײַן;
דער וואָס האָט קונסטווערק געשאַפן,
טרינקט אַ בעכער פול מיט פּיין.

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

דער גערטנער

א ווילדן מדבר ער האָט באַאַקערט,
די ערד געריייניגט פון דערנער;
אין חיות דער צאָרן האָט זיך צעפלאַקערט,
זיין האַרץ געשטאָכן מיט הערנער.

די ערד האָט געגריינט, און בלוי דער הימל —
אין חיות האָט ס׳בלוט געזאָטן;
זיי זענען געוואַוינט צו מאָך און שימל —
ווילד האָבן זיי ס׳גראָז צוטראָטן.

דער גערטנער אַקערט ווידער און ווידער,
ער וויל דעם קאַמף נישט אויפגעבן;
צעבלוטיגט זיין האַרץ און מיד די גלידער —
פאַר חיות ער שטעלט איין ס׳לעבן.

דער קאַמף ווערט שטאַרקער, דער גערטנער דרייסטער,
עס קומט הילף פון אַלע זייטן;
ער קריגט חברים, לייטענדע גייסטער —
עס וואַקסן שוין ראָזע קווייטן.

צום גערטנער שמייכלען די ראָזע בלומען —
באַלד הערן שוין אויף די לײדן;
דעם מאַרטירער׳ס טאָג מוז אַמאָל קומען —
די פרוכט פון זיין אַרבעט שניידן.

שמראלן

א ביימל

אַ צווייג האָט זיך אָפּגעריסן
פון אַן אַלטן בוים,
אין דר'ערד טיף זיך איינגעגראָבן,
שפּינענדיק אַ טרוים:

אַ גרויסער בוים אויפצוּוואַקסן,
קומען וועלן געסט:
פייגל זינגען צאַרטע לידער,
און בויען אַ נעסט.

וואַקסט א ביימל גרעסער, גרעסער,
טרינקט פון פרישן טהוי;
הויבט צום הימל זיינע צווייגן,
באָדן זיך אין בלוי.

טריקנט די זון דעם פייכטן טהוי,
לעבט דאָס ביימל זאַט;
לאַנגזאַם קומען בייזע ווינטן,
רייסן בלאַט נאָך בלאַט.

דערמאָנט דעם טרוים ס'יונגע ביימל,
מיט א טיפן וויי:
ערשט גע'חלומ'ט פייגל-לידער —
און שוין פאַלט א שניי.

נחמן וויגער

קריטיקער

שטייט א שומר ביי דעם האפן,
זיין פייער לויטער ברענט;
ער היט טעגליך די וואס שאפן
און שלאפט ניט א מאמענט.

ער איז הייליג, ער איז געטליך,
פון שאפן ר'ווייס דעם זין;
לייגט קינסטלער אין קראנקע בעטליך
און פארשרייבט מעדיצין.

ער פאר'משפט מאנכע ביכער,
האט די מאכט ווי א גאט;
אין זיין אורטייל איז ער זיכער,
היים ברענט זיין עשאפאט.

די קרבנות מוזן שווייגן
ווען אויף זיי פאלט זיין רוט;
ביז צום הימל פלאמען שטייגן,
פליסן רויט טייכן בלוט.

ער פארלעשט די קלארסטע ליכטער,
און מיט זיי דעם גיגאנט:
שטארבן שטיל ביים האפן דיכטער —
און מיט זיי דער טאלאנט.

צוועלף

פופציג יאָר אַלט

א צושריפט דערהאַלטן פון מלאך המות,
תכריכים קאָליר — געשריבן דער בריוו:
קומט אמאָר און ווייזט אים א פּאָר פרויען־אויגן
און שיסט זיינע פיילן אין הארצן טיף.

דער ערשטער ווי א מאָלער פאַרבט גרוי זיינע האָר
און רייצט זיינע נערוון ביז ער ווערט בייז;
דער צווייטער דערוועקט אים די הערליכע יוגנט,
אין הארצן זיין בלוט הויבט אָן ווערן הייס.

די בײדע נאַטירליך זענען דיריגענטן,
ער מוז אימער שפּילן נאָך זייער פּלאַן;
אָט איז ער אין דער ראָלע א גרייז — א זקן —
באַלד פילט ער ליבע ווי א יונגער מאַן.

דרייצן

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

מאַריאַנע

מאַריאַנע, א מיידל אין דאָרף,
האָט באַקן — גאָלדענער פלאַם;
אירע ברוסטן הויבן זיך לייכט,
ווי שטילע וועלן אין ים.

די אויגן — צוויי גרויסע זונען,
און ווי דער הימל העלבלאָ;
עס שמייכלט פריילעך איר פנים,
ווי די זון שיינט מיטאָג־שעה.

אירע הענט, ווי דרעש־מאַשינען,
דאָס שטאַרקסטע מיידל אין דאָרף;
די זון שטראַלט בריליאַנטענעם שטויב,
זי שניידט פון לאַנקע דעם טאָרף.

ווי שפּיזן שטעכן די שטראַלן,
פון דער ארבעט ווערט זי מיד;
די שאָטנס ווען ס׳ווערן לענגער,
פון שאָפן זי זינגט דאָס ליד.

דער פרימאָרגן באַגריסט זי שטיל,
די זון דרינגט אין איר געצעלט;
גע׳טובל׳ט אין הימלישן טהוי,
באַשיינען ביידע די וועלט.

פּערצן

ש ט ר א ל ן

זי האָפט

באַפּוצט האָט זי ס׳הויז מיט רויטע בלומען,
און איר באַשערטער איז ניט געקומען;
זי זיצט ביים פענסטער און הויבט אָן זינגען,
די טענער שטילע — פול בענקשאַפט קלינגען.

זי עפנט אַ בוך און הויבט אָן לייענען:
„דו רעגן, הער אויף, די זון זאָל שיינען";
עס ווינקן צו איר די רויטע בלומען —
ס׳וועט דיין באַשערטער צו דיר היינט קומען.

טראַכט פון באַשערטן, איר בליק ווערט מילדער,
זי זעט זיין פּנים — איר האַרץ קלאַפּט ווילדער;
עס רוישט דער רעגן, וויינט מיט אַ ברומען —
ס׳וועט דיין באַשערטער צו דיר נישט קומען.

עס שטאַרבן די טעג און ווערן יאָרן,
פון אירע רויזן אַ תל געוואָרן;
עס וועלקן געשווינד די צאַרטע בלומען,
זי וואַרט און זי האָפט — ער וועט נאָך קומען.

פּופּצן

נחמן ווינער

אַ פאַרמעגען

פאַרמאָגן צוויי מיידעליך
צוויי יונגע, הויכע ביימליך;
ווען זיי זינגען לידעליך —
אין גאַנצן הויז ווערט היימליך.

אַלטע זינגט די גרעסערע,
די קלענערע — סאָפּראַנאָ;
טאַטע מאַמע הערן צו —
און זענען זיך מקנא.

אויגן בלאָע האָבן זיי,
פון דימאַנט העלער גלאַנצן;
די פיסעליך שוועבן לייכט,
ווי פעדערן ביים טאַנצן.

בעקעליך ווי שניי, וואָס פאַלט
אויף גאָלדענע קופּאָלן;
ליפּעליך ווי רויטער פלאַם —
קיין מאַלער קען דאָס מאָלן.

ווען זיי זינגען אַ דועט
און די בעקעליך פלאַמען,
טאַטע מאַמע ווערן יונג —
זינגען מיט זיי צוזאַמען.

„אווערטיים“

וואַרט אַ מיידעלע ביי אַ פאַבריק;
אַ קליינינקע, מיט שוואַרצע האָר,
גרויס די אויגעליך, פריילעך איר בליק,
און די בעקעליך ווי מילך קלאָר.
ס'הערצעלע טאַנצט אין קליינעם מיידעלע:
„קויפן וועט מאַמע מיר אַ קליידעלע.“

אומרואיג וואַרט ס'קינד ביי דער פאַבריק,
די פיסעליך מידע פון שטיין;
זי קוקט צו דער טיר, ס'וואַרט ערנסט איר בליק —
זי האַלט זיך קוים אײַן פון געוויין.
ס'הערצעלע שרעקט אין קליינעם מיידעלע:
„וועט מאַמע קויפן מיר אַ קליידעלע?“

ס'קינד האָרכט צום קלאַפּן פון דער פאַבריק,
עס גרילצט איר דער רוישנדער קלאַנג;
קוקט צום פענסטער מיט אַ בייזן בליק:
„מאַמע אַרבעט היינט אַזוי לאַנג!“
עס פאַרשטייט נישט ס'קליינינקע מיידעלע:
מאַמע פאַרדינט יעצט אויף אַ קליידעלע.

זיבעצן

עס ברענט א שיף

עס ברענט אַ שיף אין מיט'ן ים,
האַלב איינגעהילט אין בלויען פלאַם;
עס ליגט צובראָכן דער קאָמפּאַס,
און די מאַטראָזן — מתים בלאַס.

דער קאַפּיטאַן — א שאָטן בילד,
די פּאַסאַזשירן לויפן ווילד;
ס'הויבן אָן ברענען ווענט און טיש,
און אָפן מיילער ווייזן פיש.

שטייען מענשן צום שיף געשמידט,
זינגט דער פלאַם אַ פאַרניכטונגס-ליד;
אַ טאָרנאַדאָ, פייער און דאַמף, —
פלאַם מיט וועלן פירן א קאַמף.

שרייען פרויען, ברעכן די הענט,
די אויגן ווילד צו גאָט געווענדט:
„ווייז דיין וואונדער און ווייז דיין נס,
די ריינע קינדער נישט פאַרגעס".

שלעפן אַ שיפל ערשטע קלאַס,
ביילן פויסטן צווייטע קלאַס;
שלאַגנדיג פאַלן זיי אין ים, —
זילבער וועלן מיט גאָלדן פלאַם.

שטראַלן

ווילד און ווילדער שטורמט דער ים,
רויט און רויטער צוברענט דעם פלאַם;
כוואַליעס שטייגן ביז הימל הויך,
דערשטיקט מענשן געדיכטער רויך.

פאַרצווייפלט שטייט דאָס מענשן קינד,
זיין באַשעפער איז טויב און בלינד;
עס שפּאַלט דעם הימל זיין געוואַלט,
די בריאה קלוג אין גאָט'ס געשטאַלט.

שטראַלט דאָס לעבן דעם לעצטן שיין,
פילן מענשען די גרעסטע פּיין;
ווי חיות ווערן מענשן ווילד,
פאַרשווינדט פון סצענע ס'לעצטע בילד...

דער גרויסער ים פון בלוט ווערט רויט,
שטאַרבט אָפּ ס'לעבן און ס'זיגט דער טויט;
כוואַליעס טראָגן מענשן אַוועק, —
קיינמאָל צו דערגרייכן אַ ברעג.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס ברענט אַ שיף אין מיט'ן ים,
האַלב איינגעהילט אין בלויען פלאַם;
עס ליגט צובראָכן דער קאָמפּאַס,
און די מאַטראָזן — מתים בלאַס.

נ ו י נ צ ן

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

אין שליטן

אַ ווייסע וועלט, פון שניי אַ פעלד,
די ערד גלאַנצט ווי תכשיטין;
אין ווייסן רוים, ווי אין אַ טרוים —
זיי פאָרן אין אַ שליטן.

אַ שוואַרצער פערד, אויף ווייסע ערד,
און ס'קלינגען העל די גלאָקן;
עס וועקט דער קלאַנג אין הארצן באַנג, —
דאָס פערד לויפט ווי דערשראָקן.

דער שליטן פליט, דער פראָסט זיי בריט,
דער ווינט איז דער באַגלייטער;
זיי זיצן שטיל, זיי טראַכטן פיל, —
דאָס פעלד ווערט ברייטער, ברייטער.

די זון זי שיינט, אַ קאַלטער פריינט,
באַגילדעט ווייסע בוימער;
עס קומט אַן זאַכט אַ שטילע נאַכט,
און היט זיי ווי אַ שומר.

עס ווינקט די נאַכט איר שוואַרצע מאַכט,
פון הימל טויזנט אויגן;
דורך קאַלטע לופט אַן עכאָ רופט —
פאַרט שנעל ווי פייל פון בויגן.

צוואַנציק

שווארץ־ווייסע טויבן

גרויע וואלקנס זיך ציען
צום הימל דארט, אויבן.
צוויי שווארץ־ווייסע טויבן,
זיי וויגן זיך און פליען:

די פיסעליך רויט ווי פלאם!
די פליגל ווי קויל־שווארץ;
די פעדערליך ביים הארץ,
ווי די שיסעליך ביים ים.

אט, זיי לאזן זיך אראפ,
און שפרינגען אויף דר'ערד: האפ־האפ —
פיקן אויף וואס ס'איז באשערט:
דינע קערנדליך און ערד.

דער „ער" ארום דער „זי" — רונד־אום,
גרו־גו,גרו־גו: — „גו, קוק זיך אום,
איך האב דיך ליב, מיין טייבעלע,
גו, קום און זיי מיין ווייבעלע!"

הויך א וואלקן, לייכט און גרוי,
ווייט איבער הייזער און דעכער,
ער הויבט זיך העכער, העכער,
און ציט זיך צום הימל־בלוי.

נ ח מ ן   װ ו י נ ע ר

ליבע צו הינט

װען קוויני, אַ װײַס־ברוין געפּלעקט הינטל,
פון ראַסע — אַ מאָפּס מיט לאַנגע אויערן;
אַ צערטליכע „זי״ פון כלבים געזינטל,
האָט זעקס יונגע אויף איינמאָל געבוירן —
איז יעדעס געוועזן געראָטן אין דער מוטער.
אַ שכן איז געווען יעדן טאָג פלעגער,
פאַרזאָרגט קוויני׳ן מיט אַ ווייך געלעגער —
עס זאָל נישט פעלן מילך און פוטער.

אויף זיי נישט געלאָזט בלאָזן אַ קאַלט ווינטל,
אַ סך צערטליכקייט אַוועקגעגעבן;
עס האָט יעדערער שכן געבעטן אַ הינטל —
זיי וועלן עס היטן ווי ס׳לעבן.
און האָבן גע׳חנפ׳עט דעם באַלעבאָס אונטערטעניג,
געוואָרט האָבן זיי טעג און וואָכן;
דער אייגנטימער האָט זײַן וואָרט ניט געבראָכן —
בלויז זעקס פאַר אַלע איז געווען צו ווייניג.

צוויואונצוואנציק

לירישע לידער

ש מ ר ע ל ן

מיין מוזע.

מיין מוזע קען אנטווישן
פון ליבע די מוזיק:
זי קומט צו מיר, ווען ס'רוישן
די וועב-שטיל אין פאַבריק.

ווען ס'דרייט זיך יעדער רימען
אין ווילדן לויף גאַלאָפּ;
פון אייזנשטאָל די שטימען,
פאַרטומלען מיר דעם קאָפּ.

די ווענט געהילט אין שוואַרצן,
דאָס ליכט טונקל און באַנג;
עס דרינגט קיין פרייד אין האַרצן —
שטונדן ציען זיך לאַנג.

עס קוקט מיט בייזע בליקן
מיין שכן — א מאַשין;
קיין שמייכל אויסצודריקן —
„שאַף האָניג, ווי א בין."

ווען יום-טוב על פּי סיבה
מיין מוזע קומט צו מיר,
זינג איך פון מענשנליבע —
די זון שיינט פאַר מיין טיר.

פינפאונצוואַנציק

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

איך וועב און וועב

פריינט, דו פרעגסט מיך ווי איך לעב?
וואס איז מיין ציל, וואס איך שטרעב?
איך וועב זילבער־פארבן זייד,
ווערט מיין פנים בלייך ווי קרייד.
איך וועב און וועב,
ווי לאנג איך לעב.

די זייד גלאנצט ווי דימאנט קלאר,
איך וועב אריין מיינע יאר: —
עס שטארבט מיין ציל, וואס איך שטרעב,
אין א גהינום אייביג כ׳וועב.
איך וועב און וועב,
ווי לאנג איך לעב.

צו דעם וועבן כ׳פיל א האס,
ס׳מאכט אויגן שוואך, ס׳פנים בלאס;
ס׳דרינגען זעלטן וועןן אריין,
ליכטיגע שטראלן זון־שיין.
איך וועב און וועב,
ווי לאנג איך לעב.

זעקסאונצוואנציק

שטראַלן

איך וועב סחורה, ווייס און בלוי,
די זאָרג פּרנסה מאַכט גרוי;
דער זייד-וואָרים נאָגט מיך לאַנג —
האַלט מיך ווי אַ שמיד אין צוואַנג.
איך וועב און וועב,
ווי לאַנג איך לעב.

עס האָט קיינער מיך אין זין,
איך וועב און וועב ווי אַ שפּין;
די וועב־שטיל זויגן מיין קראַפט —
ווי אַ שפּין דער פליג דאָס זאַפט.
איך וועב און וועב,
ווי לאַנג איך לעב.

פון פאַבריק איך גיי צום הויז,
ווי אין האַרבסט אַן זאַפט אַ רויז;
אין האַרץ בענקשאַפט אַזוי פיל,
און אין קאָפּ רוישט פון וועב־שטיל.
איך וועב און וועב,
ווי לאַנג איך לעב.

נחמן ווינער

מיין אידעאַל

מיין אידעאַל איז מיליאָנען יאָרן שוין אַלט,
איך וועל אים קיינמאָל נישט אויפגעבן: —
ווען די ערד און די זון וועלן זיין ווי אייז קאַלט,
דעמאָלסט וועט ער, ווי יעצט נאָך לעבן.

ער וועט לייכטן העלער פון דעם גרעסטן ברילױאַנט,
וואָס באַזיצט די כחות פון עטהער;
זיין פּראָגרעס אָפּשטעלן איז קיינער נישט אימשטאַנד,
צו שוואַך איז די מאַכט פון די געטער.

ווען עס טרעפט אַ מאָמענט, מיין האָפענונג ווערט שוואַך,
כ׳מיין ס׳שלעכטע וועט אייביג זיך ציען:
בחנם איז מיין שטרעבן, אַ פאַרפאַלענע זאַך, —
אויפ׳ן בוים וועלן פּירות נישט בליען.

באַלד דערשיינט מיין אידעאַל מיט זיין גאַנצער פּראַכט,
דערמאָנט מיך די מאַרטירערס לעבן:
פון די טויזנטע דורות דערפיל איך די מאַכט,
די קראַפט און דאָס אייביגע שטרעבן.

אַכטאונצוואַנציק

איך און דו

טייערער פריינט!
איך וואַרט אויף דיר
מיט האַרץ־פּלאַם,
ווי אַ יונג־כּלה־מיידל
וואַרט אין חופּה־טאָג
אויף איר חתן,
ווען די שאָטנס וואַקסן גרעסער,
דער בין־השמשות ווערט געבוירן,
און די שטראַלן שטאַרבן.
די זון אַ גאָלד־רויטע,
צוגליט ווי אַ כּשר־שטיין,

זינקט אַראָפּ אין האָריזאָנט;
איר אָרט פאַרנעמט
אַ ווייס־גרינליכע שאָטע, —
די לבנה, —
און זעט אויס ווי אַ טויטער,
וואָס איז געשטאָרבן פון שרעק.

אין איר האַרצן שטורמען
אַ ים מיט געפילן צאַרטע,
ווי ערשט געבוירענע פייגעליך,
נאָך נאַקעטע, אָן פעדערליך,
וואָס ציטערן פון קעלט.

ביינאונצוואנציק

נחמן ווינער

אירע ברוסטן באַוועגן זיך,
ווי פרייליכע טענער
פון אַ מאַנדעלינע,
וואָס טאַנצן ריטמיש,
ווי ווילדע וועלן אין ים.

אירע אויגן שטעכן טיף
דעם טונקל־בלויען האָריזאָנט,
וואו פינקלדיגע אויגן
טאַנצן אַ שטיפערישן טאַנץ,
ארויף און אראָפּ,
ארויף און אראָפּ.

וויברירן קלאַנגען שטילע
אַ טונקל־סוד:
פון אייזן־ליפּן,
וואָס האָבן זיך צוקושט,
שוואַרצע ערד און שינעס,
מיט מענשן־פלייש געמישט,
פון קרעכצן טיפע גוסס־מוזיק.

דרויסיק

שטראַלן

פריינט!
מיינע אויגן זוכן דיך,
ווי אַ רייכע עגונה
איר מאַן.
אַ יעדן דורכוואַנדערער
פרעגט זי שטיל,
מיט הכנעה־שטאַלץ.
אַט רויטעלט זיך איר פנים,
אַט ווערט זי טויט־בלאַס.
איר גאָלדענער פּאַלאַץ,
טאָג און נאַכט
איז תמיד אָפן;
דער טיש מיט מאכלים
פריש צוגעגרייט.
אירע אויערן האָרכן
מיט פיין־שטילקייט;
אירע אויגן זעען
אַ מיראַזש־מענש.
עס ציען זיך טעג,
ווי אייביג צער,
פון קראַנק־יאוש.

איינאונדרייסיק

נחמן ווינער

אין שכינה־שאָטן

אין שכינה־שאָטן
פון מלאכים־פליגל־ווענט,
שטייגן העכער מיינע פלאַמען,
לייכטן העלער מיינע שטראַלן,
פאַרשווינדן אַלע צווייפל־וואָלקנס ;
פלעכטן זיך זילבער־בריקן
איבער מיינע שווארצע תהומ׳ען

אין שכינה־שאָטן
פון מלאכים־פליגל־ווענט,
שיינט די זון העלער, העלער, —
ווערט מיין חורבה מיר אַ פּאַלאַץ,
הויבט מיין האַרץ אָן שפּרינגען, שפּרינגען,
פון נשמה־פרייד.

אין שכינה־שאָטן
פון מלאכים־פליגל־ווענט,
מיינע חלומות ווערן יונגע,
הויבט מיין בלוט אָן פליסן, פליסן,
ווי אַ קלאָרער קוואַל,
געפינענדיג אַ נייעם וועג.

צווייאונדרייסיק

פרילינג

פריינט, זע!
עס קומען פייגעליך צופליען,
אויף די פליגעליך טראָגן זיי בלומענשטויב,
שמעקעדיגע בשמים פון א ווייטן לאַנד,
ווי מירטן גרין איז געפאַרבט די ערד,
די זון ווערט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט
און אייביג בלוי דער הימל פינקלט.
ליבע שיינט פון מענשנס אויגן,
פריינטשאַפט בינדט זיי צוזאמען,
און יעגער מיט זייער געווער
האָבן ס'לאַנד קיינמאָל באַטראָטן.

ווייסע פערלטויבן,
די פליגעליך — פעך־שוואַרץ,
פאָרן־וויז צום הימל זיך הויבן
און לאָזן זיך אראָפּ צו דער גרינער ערד,
זינגען ריטמיש: גרו־גו! גרו־גו!..
אויף שלאַנקע ראָזע ביימליך,
גאָלד רויטע פייגעליך בויען זיך נעסטן,
זינגען בענקשאַפטס ליבע־שפּראַך.
איינגעהילט אין גרינע שטראַלן
שלומערט שטיל דאָס ווייטע לאַנד.

דרייאונדרייסיק

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

פריינט, זע!
עס קומען פייגעליך פרייע,
פילן אָן געדיכטע וועלדער מיט געזאַנג,
און וועקן אויף די זון,
וואָס שלאָפט ווינטער אזוי לאַנג;
הערנדיג טענער פול מיט פרייד,
דערוואַכט זי אַ גע'טובל'טע
פון איר גאָלדן ים.
זי וואַרפט אַראָפּ איר אבל-קלייד,
שטייגט ארויף אין הימל הויך;
איר פּנים שיינט פון פרייד,
און ווארימט מיט איר פלאַם.
זי צוטרייבט שווערע וואָלקנס,
ווי זקנים גרויע,
די שוואַרצע ערד און פארדארטע בוימער
פאַרבט זי גרין,
אַיעדעס באַשעפעניש וועקט זי אויף
פון לאַנגען ווינטער שלאָף;
קומען פאַסטוכער מיט ווייסע סטאַדעס שאָף,
בויען פון דיקע צווייגן אַ געצעלט,
און זינגען מיט אַ סאַמעט ווייכער שטים.
זינגען מיט בוימער, בלומען און רויזן פון פעלד,
צושמייכלט זיך דער הימל העל-בלוי.

פיראונדרייסיק

ש ט ר אַ ל ן

האָפענונג

זאָל איך האָפן, ביז נאָך מיין טויט
וועט מיר ווער באַלוינען?
ווען איך האָב נישט יעצט ביים לעבן,
אַ הויז וואו צו וואוינען.

זאָל איך האָפן, ביז נאָך מיין טויט
קריג איך אַ גן־עדן?
ווען עס שענקט מיר די השגחה,
אזוי ווייניג פריידן.

זאָל איך האָפן, ביז נאָך מיין טויט
וועט קומען די נחמה?
דאַמאָלסט וועט מיין האַרץ נישט פילן
די פרייד פון מיין נשמה.

פּינפּאונדרייסיק

נחמן ווינער

זמן חרותנו

איך בין מיד פון שקלאַפן־טרערן,
וואָס פליסן מער און מער;
א פסח־ליד וויל איך הערן —
צו פרייהייט דער באַגער.

דער יום־טוב זאָל אין האַרץ פליסן,
ווי רעגן אויף א בוים;
פון רוחניות צו געניסן —
דאָס איז מיין שענסטער טרוים.

די דאגות פון א קנעכט זענען
נישט יום־טוב׳דיג, נישט שיין;
מ׳דאַרף ווי חמץ זיי פאַרברענען —
דאָס האַרץ זאָל ווערן ריין.

דער געדאַנק זאָל ווערן קלאָרער,
אין הערצער וועקן פרייד:
פאַרזוכט גענוג דעם טעם פון מרור —
אָן עק זאָל נעמען לייד!..

די נשמה זאָל פרייער ווערן,
דער גוף גענוג געשפייזט;
זאָל אויפהערן פליסן טרערן!
און זיגן וועט דער גייסט.

זעקסאונדרייסיק

שטראַלן

דער פרייער גייסט וועט טאָן גרויסעס —
באַשיינען אונזער היים;
מיר וועלן נישט עסן חרוסת,
און ווידער קנעטן ליים.

דעם ים צרות אַדורכשפּאַלטן,
נאָענט מאַכן דעם וועג;
די פרייהייט זיך לערנען האַלטן —
דערגרייכן צו דעם ברעג.

אַ פּסח-זון וועט העל שיינען,
ווי ערשט געבוירן ניי;
קיין מענש וועט נישט דאַרפן וויינען —
איעדער וועט זיין פריי.

דאַמאָלסט פּסח וועלן קינדער
פריילעך זינגען אין גאַס:
אַנהויבן זען וועט דער בלינדער —
פאַרשווינדן וועט דער האַס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ פּסח-ליד וויל איך הערן —
פון גאַנצן פאָלק אין לאַנד;
איך בין זאַט פון שקלאַפנטרערן!
אַ קנעכט זיין איז אַ שאַנד.

זיבנאונדרייסיק

נחמן ווינער

איך ווינש אייך

יונגענקע אינגעליך,
ווי פרייע פייגעליך;
יונגענקע מיידעליך,
מיט קלאָרע אייגעליך.

גאָלד רויטע בעקעליך,
געדיכט-האָר קעפּעליך;
שיינענדע פּנים'ליך,
ווי פרישע עפּעליך.

פריילעכע קינדערליך,
פייגל אָן שטייגעליך;
בליענדע בוימעליך,
מיט גרינע צווייגעליך.

לייכטענדע פערעליך,
קליינענקע בלימעליך;
שטראַלנדע זונעליך,
ריינענקע שטימעליך.

קינדער, זינגט לידעליך,
הייליגע פלאַמעליך;
ווערט גרויסע אידעליך —
טאַטעליך, מאַמעליך.

אָכטאונדרייסיק

שלום

איך האָב מיט דער וועלט שלום געמאַכט,
צובראָכן פון שנאה די שלאַנגען־ווענט ;
די זון שמייכלט איראָניש און לאַכט,
אַ רויט פאַרשעמטע איר פנים צוברענט,
און באַלד ווי ווייסע בלומען בלאַס.
זילבערנע וואָלקנס רייכען זיך הענט :
"געשטאָרבן אויף אייביג איז דער האַס ! —
פאַרגעבן האָט דאָס מענשנקינד,
דער וועלט אירע אַלע זינד."

איך האָב מיט דער וועלט שלום געמאַכט,
פאַרגעבן איר אַלע זינד ;
לייכטן די שטערן העלער ביינאַכט,
זינגט אַ לידל שטיל דער ווינט :
„פריש ווי דער טוי — ביזט געוואָרן ניי,
האָסט דיך דערהויבן, ווי אן אָדלער־קינד ;
עס שוועבן דיינע פליגלען פריי —
פאַרגעבן האָט דאָס מענשנקינד,
דער וועלט אירע אלע זינד."

נחמן ווינער

מיין לעבן

כ'האָב אַלע טעג פון מיין לעבן
צוזאַמענגעקליבן;
אין אַ ווייס־בוך מיט רויטן טינט
פּינקטליך איינגעשריבן.

טעג פון פרילינג, טעג פון זומער —
האָפענונג און פריידן;
טעג פון האַרבסט און טעג פון ווינטער,
פול בענקשאַפט און ליידן.

טעג פון יוגנט, טעג פון ליבע, —
די גליקליכע שטונדן;
טעג פון קעמפן, טעג פון זיגן,
געלאָזט האָבן וואונדן.

די אַלע טעג פון מיין לעבן
וויל איך איבערציילן;
געבליבן מיר זענען שלעכטע —
און די גוטע פעלן.

פערציק

חושך

עס פאַלן טרערן אויף מיין דאַך,
ווערן נאַס די ווענט;
פאַרלעשן זיך ווייסע שטראַלן,
אַ שאָטן מיך בלענדט.

ווערט די פינסטערניש געדיכטער,
ווי אַ וואָלקנרויך;
שלענגלט זיך ווי פייערצונגען,
ביז אין הימל הויך.

קריגט מיין דמיון ווייסע פליגל,
פליט אין רוים און פליט;
זוכט אַ בלאַנדזשענדיגן שטערן,
צו אַ שטראַל אים ציט.

שפרייט די ווייסע פליגל ברייטער,
ווערט דער שאָטן גרוי;
ווייען ווינטן, רויטע ווינטן,
גלאַנצט דער הימל בלוי.

נחמן ווינער

אָן קאָמפּאַס

אין מיין האַרצן ברענט א פייער —
ווערט אַ פלאַם;
מיינע אויגן פליסן טרערן —
ווערט אַ ים.

אין טרערן־ים פאָרט מיין שיפל,
און ס'פעלט דאַמף;
שליידערן הויך ווילדע כוואַליעס —
שווער דער קאַמף.

דאָס שיפל איז ריכטיג געבויט,
ערשטע קלאַס:
צובראָכן האָט אַ שטורם־ווינט
דעם קאָמפּאַס.

כ'וואַנדער ארום טעג און יאָרן —
דעם ים איך פרעג:
וועל איך ווען אַמאָל דערגרייכן
צו אַ ברעג?

צוויי־און־פערציק

שטראַלן

רוישן וועלן מיט ווילדן צאָרן —
שטורם־שפּראַך:
„מענש און וועל אַ ברעג דערגרייכן
זענען שוואַך.“

דער הימל שוואַרץ, די זון פאַרשטעלט,
טיף דער תהום;
מיין שיפל זע איך אונטערגיין —
ס'שטאַרבט מיין טרוים!..

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

ווער קאָן שווייגן

וועז ס'ברענען מיך גייסטיגע פּיין,
און טרייבן ס'האַרץ ווי שטאַרקער וויין,
אין מוח ווילד זיי שטייגן;
כ'זע ווייט ארום קיין מענשן ניט,
אַ שאָטן שלייכט מיט שנעלע טריט —
ווער קאָן דאמאָלסט שווייגן?

ווען איך חלום א בייזן טרוים:
ס'שטייט אַ מענש, ווי אַ דאַרער בוים,
ווינטן ברעכן צווייגן;
די זון מיט שוואַרץ גערדיכט פאַרשטעלט,
פון אלע זייטן בלאָזט אַ קעלט —
ווער קאָן דאַמאָלסט שווייגן?

ווען ס'שיינט די זון פרי-מאָרגן שעה,
דער הימל לויטער און העל-בלאַ,
צאַרטע טענער שטייגן;
עס זינגט יעדער פויגל אליין,
ס'צער קאָן רירן אַ האַרץ פון שטיין,
זוער קאָן דאַמאָלסט שווייגן?

פּיראונפּערציק

אַ חבר

אַ נשמה־חבר וויל איך קריגן,
ער זאָל העלפן מיר יאוש באזיגן;
איך זוך אים אָוונט אין שטילע גאַסן,
די לבנה שווימט מיר נאָך געלאַסן.

אין זילבערנעם ליכט זע איך סמנים,
עס שפיגלט דאָרט אָפּ אַ מענשליך פנים;
האָט אפשר אַמאָל מיט איינעם פּאַסירט,
די לבנה האָט אים פאָטאָגראַפירט?

דאָס פנים דוכט מיר הער איך שטיל ריידן:
„ווי דו כ׳האָב פאַרמאָגט אַ הארץ מיט פריידן,
מיין חלום לאַנגזאַם, ווי שוים צערונען,—
אַ חבר געזוכט און נישט געפונען.“

פינפאונפערציק

דיין מאַכט

איך ווער רייכער פון אַ קעניג,
ווען דו קומסט צו מיר אין הויז ;
פון אַ קעניג כ׳ווער אַ בעטלער,
ווען איך זע, דו מיידסט מיך אוים.

איך ווער קלוג ווי שלמה־מלך,
ווען אויף מיר דיין שכינה שיינט ;
פון א חכם כ׳ווער א שוטה,
ווע איך פיל דו קריגסט מיך פיינט.

איך ווער הייליג ווי אַ מלאך,
ווען איך הער דיין צאַרט געזאַנג ;
פון א מלאך איך ווער אַ שד,
ווען דו זאָגסט מיר דיין פאַרלאַנג.

איך ווער ווי וואקס אין דיינע הענט,
צינדסט און לעשסט אין מיר דעם פלאַם ;
הויבסט מיך אויף צום הויכן הימל,
און שליידערסט מיך טיף ווי ס׳ים.

ש ט ר אָ ל ן

קום נישט צו שפּעט

מיט אויגן פול צער וועסט קומען
דעם טאָג ווען איך וועל שטאַרבן;
אויף מיין קבר לייגן בלומען,
ווי בלוט רויטע די פאַרבן.

וועסט זיך באַקליידן אין שוואַרצן —
דער סימבאָל פון מיין לעבן;
די שנאה פון טיפן הארצן
וועסטו דאַמאָלסט אויפגעבן.

דו וועסט מיך הארציג באדויערן,
פאַר דיין חבר מיך קריינען:
דיין זון האָט דאָס ליכט פאַרלוירן —
מיינע מעלות באַשיינען.

דו וועסט אַ סך שבחים זאָגן
און ס׳שלעכטע שטיל פאַרשווייגן;
איך וועל די ליידן נישט טראָגן —
וואָס האַלטן יעצט אין שטייגן.

מיט אויגן וואָס רופן לעבן,
וואָס קאָנען יאוש פאַר׳סמ׳ען:
קום מיט מיר אַ חלום וועבן —
אָנצינדן אין האַרץ פלאַמען.

זיבנאונפערציק

נחמן וױנער

ביזט געקומען צו שפּעט

דײַן װאָרט האָט באַלױכטן װי ס'העלע זונען־ליכט,
פאַר'ן אמת צו קעמפן איז דײַן הײליגע פליכט;
האָסט געמאָלן אַ װעלט, פון דער צוקונפט דעם טרױם,
װאָס ליגט אין דײַן האַרץ, װי פּירות אין אַ בױם.

אַ נאַכט, ס'האָט גערעגנט, און דער הימל קױל־שװאַרץ,
דו האָסט זיך געזעגנט, געװײנט שטיל האָט מײַן האַרץ:
דו ביזט געפאָרן װײַט — פאַר אַנדערע שמידן ס'גליק,
װען שװאַלבן זיך װײַזן װעסטו קומען צוריק.

פון גלױבן ביז האָפן האָט מײַן דמיון געבראַכט,
גע'חלום'ט פון צוקונפט, אַ סך פּלענער געמאַכט;
מײַנע טעג, מײַנע נעכט זענען שאָטנס געװען,
קײן בױמער, קײן בלומען האָב איך קײנמאָל געזען.

געװאָרט האָב איך יאָרן, װי אַ פױגל אין שטײג:
„מען האָט דיך פאַרגעסן" — געשריגן האָב איך שװײַג;
דו ביזט אַװעק פרילינג, װען דער הימל שײַנט בלױ,
צוריקגעקומען האַרבסט — מיר בײדע זענען גרױ.

אָכטאָונפערציק

אייגנליבע

פון שלאַנגענגיפט, האָסטו געוועבט אַ נעץ,
מיין נשמה צו דערלאַנגען ;
דיין גוף באקליידט מיט מלאכים-פליגל,
ביז דו האָסט מיין גייסט געפאנגען.

דיין אָדלער-בליק האָט אין האַרץ געדרונגען,
ווי די זון צו דר'ערד אין תמוז ;
איך האָב געגלויבט, אז דו ביזט א מלאך —
הייליג דיינע דלד-אמות.

האַלסט מיך נישט אין א תפיסה פאַרשלאָסן,
דאָך מיין גייסט צו דיר געבונדן ;
פאַרלעש אין מיין האַרץ דיין גיהנום-פייער,
וואָס דו לילית האָסט געצונדן.

דיין ציל דערגרייכט, דיין קרבן געבונדן,
ליגט אין גסיסה-פיין אַ מידער ;
שטייסטו, פלאַטערסט מיט מלאכים-פליגל,
און דו זינגסט מיר פרומע לידער.

נחמן ווינער

ליבע

דיין ליבע איז ווילד, ווי וועלן אין ים,
וואָס שטראָמען מיט מאַכט ווייט איבער ברעגן ;
די אויגן דיינע גאָלדענע זונען —
דאָס הייסע לאַווע קאָן זיך נישט קילן.

דיין ליבע איז ריין ווי קריסטאַל-שטראַלן,
באגילדעט פאַלן אויף זילבערנע בערג ;
דיין לשון דונערט, עס ציטערט די ערד,
צושראָקן לויפן די חיות אין וואַלד.

דיין ליבע איז שטאַרק ווי שטורם-ווינטן,
וואָס ברעכן ביימער פון הונדערט יאָר אַלט ;
דיין שמייכל צושמעלצט די גרעסטע אייזבערג,
פון דיינע בליקן פאַרשווינדן וואָלקנס.

דיין ליבע שרעקט מיך אַ וואולקאַן פייער,
דיין הייסער אָטעם פאַרניכטעט וועלדער ;
דיין שנאה גיפטיג ווי שלאַנגען-נעסטן —
מיר וועלן פאַלן אין טיפן אָפּגרונט.

פופציק

געפאַנגען

אין מיין האַרץ האָב איך דערפילט,
שטיל א בענקשאַפט נאָגט מיך און ציט:
האָסט אין געהיים אַ קייט געשמידט —
ביז מיין פרייהייט איך האָב פאַרשפילט.

שטאַרק איז די קייט — גאָלדענע שטריק:
כ'בין געפאַנגען ביי טאָג, ביי נאַכט,
פון א שומר ווער איך באַוואַכט —
וואָס לאָזט נישט צו די זון — דאָס גליק.

פינסטער ארום, כ'זע נישט אַ שטראַל:
צעווייטאָגט ס'האַרץ, פון ליידן מיד,
די תפיסה ענג, ס'בלוט אין מיר זידט —
קיינער הערט נישט מיין נויט־סיגנאַל.

גענוג ליבע — ווייז מיר דיין האָס!
דאָס וועט אפשר שטילן מיין פיין;
איך וויל טרונקען וואַסער שטאָט ווייַן —
מיין פנים ווערט לבנה־בלאָס.

נחמן ווינער

מיין פּאַלאַץ

מיין ליבע איז געשטאָרבן, ווי א בלום אין האַרבסט,
זי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די קעלט...
איך האָב זי באַגראָבן, ווי א מיידל איר סוד —
אַ מאָנומענט טיף אין האַרץ געשטעלט.

אַ מאָנומענט געבויט, ווי א מזבח הייליג,
אין געהיים באשאפן איינער אליין;
פון דער נשמה ס׳איידלסטע, וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט,
איז צו דעם בנין מאַטעריאַל געוועזן.

אַ פּאַלאַץ געשאַפן, אָן טירן, אָן פענסטער,
גענומען האָט פיילן, שניצן צו לאַנג;
עס ברענט אַ קליין ליכטל, א ריינער נר־תמיד —
ווען איך זע יעצט מיין בנין, ווערט מיר באַנג.

איך היט אָפּ דעם בנין, ווי ס׳שוואַרץ־אַפּל פון אויג,
טראָגנדיג מיין לאַסט, איך ווער אַמאָל מיד;
ווי אַ פויגל אין שטייג, זינגט טרויעריג פון בענקשאַפט,
אַזוי זינג איך איינזאַם פון האַרצן ס׳ליד.

צוויאָנפּופּציק

צו...

ווי אַ גערטנער, האָסט געפּלאַנצט אין האַרצן בלומען,
זיי האָבן געבליט בשלום;
פון בלומען איז געוואַקסן צוויי יונגעביימליך —
אַ גאָרטן אין לעבענס חלום.

פון דער זון האָבן שטראַלן באַקראַנצט די ביימליך,
מיט גאָלדענע פאַרב באַצויגן.
ווען ס'האָט נישט גערעגנט, דער טוי האָט נישט באַנעצט —
דיין זאַפט האָבן זיי געזויגן.

ווען אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן אין גאָרטן,
באַשיצט האָסט דו געטריי די בוימער;
אין רעגן און שטורם, אין אַ שניי און אַ פראָסט,
ביסטו געווען דער שומר.

געדיכטע כמאַרעס האָבן פאַרשטעלט דעם הימל,
אין לעבן ס'שענסטע פאַרטונקלט;
ווי אַ שטורם-ווינט האָסטו פאַרטריבן וואָלקנס —
דיין שטראַלנד ליכט האָט געפונקלט,

דער גאָרטן איז געווען אַ שטילער גן-עדן,
ביז אונזער האַרבסט איז געקומען; —
עס ווערן פאַרטרוקנט דיינע פרילינגס-רויזן,
און ס'שטאַרבן מיין זומערס בלומען.

דרייאונפופציק

נחמן ווינער

בענקשאַפט

זינגט א פויגל ביי מיין פענסטער,
פראַכטפול זיין געזאַנג;
ער דערמאָנט מיך אָן איר שטימע,
פון דעם זעלבן קלאַנג.

זינגט דער פויגל פריידן־טענער,
פון אַ גליקליך לאַנד;
געפלויגן הויך איבער וועלדער,
מיט זיין פריינט באַנאַנד.

זינגט דער פויגל מעלאַנכאָליש,
פון אַ שלעכטער צייט;
אַ יעגער, אָן רחמנות, האָט
זיין חבר געטויט.

זינגט דער פויגל פרייד און בענקשאַפט, —
איך שטיי צוגעשמידט;
ער פון זיינער, איך פון מיינער —
זינגען מיר איין ליד.

פיראונפופציק

באלאדן

שטראַלן

לא תרצח

דיין גאוה איז געשטיגן הויך,
פאַרטונקלט די נשמה ;
דיין הערשער־גייסט האָט אויפגעוועקט
געפילן פון נקמה :
געטויט פעלקער, פאַרוויסט לענדער. —
דו ביזט אַן איש מלחמה.

האָסט איינגעשלעפּט יושר, אמת,
פון האַרצן די געזעצן ;
דעם לא־תרצח האָסט פאַרגעסן —
מ׳טאָר קיינעם נישט פאַרלעצן !
מאָרד־געפיל האָט אָנגעהויבן
אין דיר די חיה העצן.

פאַר דיין כבוד האָבן דאַמען
אַראַנזשירט פיל באַנקעטן ;
באַזונגען דיך האָבן דיכטער,
פון גאַנצן לאַנד פּאָעטן,
הימל־הויך דיך אויפגעהויבן —
די שונאים זאָלסט צוטרעטן.

נחמן ווינער

דיין מאַמע שטיל האָט דיך באַגלייט,
געוואונשן דיר הצלחה,
פון טיפן האַרץ דיר געגעבן
אין ווייטן וועג אַ ברכה;
עס האָבן דיר די האַנט געדריקט
די פרעמדע און משפחה.

מ'האָט דיך געלערנט שיסן, שטעכן,
זאָלסט קיין געוויסן פילן;
די שונאים וואָס דו קאָנסט גאָר נישט,
דיין ביקס זאָלסט ריכטיג צילן.
פאַרניכטן זאָלסט פרויען, קינדער,
און פלאַמען שטעט איינהילן.

די בערג מתים און טייכן בלוט,
די פעלדער טיף פאַרפלייצן;
פון דיינע „פיינט" וויי-געשרייען —
דעם זיגער נאָך מער רייצן.
די חיה האָט דערפילט אַ קעלט,
מיט הייזער פלעגסטו הייצן.

אַכטאונפופציק

שטראַלן

אַן אשת איש האָסט געשענדעט,
פֿאַר'סמ'ט געטרייע ליבע;
האָסט ניט געהערט ס'וויינען, בעטן,
די אויגן פֿינסטער, טריבע.
איז זי געשטאָרבן אין דיין האַנט,
איז אויך אַ קליינע סבה.

האָסט צוגענומען ס'לעצטע ברויט
פֿון פֿרויען, קינדער, שוואַכע;
דיין האַרץ ווי שטאָל איז געווען האַרט,
און הונגעריג נאָך ראַכע.
האָסט געזידלט יעדן איינעם,
די אַלטע און די שוואַכע.

האָסט געפֿאַנגען געזונטע לייט,
פֿון הונגער געלאָזט שטאַרבן;
אין ענגשאַפֿט, שמוץ און ווייניג לופֿט,
שנעלער זאָלן פֿאַרדאַרבן.
דער קערפער דאַר, ביינער טרוקן,
דאָס פּנים — מתים פֿאַרבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביינאונפופציק

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

אמת, יושר האָבן דיר יעצט,
אויפגעוועקט דיין געוויסן;
דו זאָלסט זעען דיינע מעשים,
פון דיינע פרוכט געניסן;
און פילן זאָלסט אין הארצן גיפט,
פון שלאַנגען טיף געביסן.

פאַרפאָלגן דיך די גסיסה־פיין,
א מתים־כאַר געפילדער;
א ברייטער פעלד מיט קאַליקעס,
וואָס זיפצן, קרעכצן ווילדער.
דו הערסט יעצט די בייזע קלאַנגען
און זעסט די שוואַרצע בילדער.

דיך וויל קיינער מער נישט ליבן,
דעם משחית מיט כלי־זין;
דו מוזט טראָגן אויף דעם שטערן
א צייכן פונקט ווי קין:
„האָסט גע'הרג'עט דיינע ברידער", —
די בייזע קולות שרייען.

זעכציק

ש ט ר אַ ל ן

עבר קלאַנגען

ווען זומער, בין השמשות,
קינדער שפרינגען ארום, —
אין האַרץ נאָגט מיך אַ בענקשאַפט,
די ליפּן שווייגן שטום.

פון יוגנט אַלטע בילדער,
קלאָרע שוועבן פאַרביי;
וועקן קינדהייטס זכרונות,
וואָס בלייבן תמיד ניי:

די ביימער און די בלומען,
די גערטנער אָן אַ סוף,
דער מאַרק מיט פאָרליך טויבן, —
אין שטעטל אָזאָרקאָוו.

דער זילבער קלאָרער טייך
באַדעקט מיט ווייסן שוים,
די פעלדער און די לאָנקעס
געדענק איך ווי אין טרוים.

מיין ערשטער רבי מענדל
איז געווען אויף איין אויג בלינד;
ער האָט געקאָנט מער שלאָגן,
ווי לערנען מיט אַ קינד.

אוינאוונזעכציק

נחמן ווינער

ר'האָט נישט געטויגט צום טייטל, —
אים וואָלט געפּאַסט אַ האַק;
אַנשטאַט צו לערנען אַ קינד,
פלעגט ער קנייפּן אין באַק.

מיין מאַמע האָט שטיל געזאָגט:
„גאָט, שטראָף נישט פאַר די זינד,
איך קאָן נישט אויסהאַלטן, ווען
אַ פרעמדער שלאָגט מיין קינד.

ער דאַרף אַ קינד בלויז לערנען, —
שלאָגן ער האָט קיין רעכט;
דער קאַנטשיק איז קיין רבי,
דאָס שלאָגן ווירקט זייער שלעכט."

מיין טאַטע האָט בייז געזאָגט:
„ס'אינגל איז אַלט זעקס יאָר,
געדענק, ער וועט גרייז־גרויע
נאָך אויסרייסן די האָר.

דאָס וויל דען עפּעס לערנען?
און פאָלגט נישט ווי אַ קינד,
מאַכט פּאַפּירענע שלאַנגען
און לאָזט פליען אויפ'ן ווינט.

צוויי־און־זעכציק

* * *

מיין צוויטער רבי שלמה
אַן אַ אידישן פונק,
האָט טעגליך קידוש געמאַכט,
געליבט היילק דעם טרונק.

ר'האָט שיין געלערנט תנ"ך
מיט קינדער ניכטערהייט;
קוים האָט ער קידוש געמאַכט,
האָט ס'היטל זיך פאַרדרייט.

דאַמאָלסט האָט ער נישט געקאַרגט
זיינע תלמידים קלעפּ;
געריס'ן אויערן, ווען ר'האָט
געפונען אין טאַש קנעפּ.

קנעפּ שפּילן האָב איך געליבט,
געווען מיין גרעסטע פרייד;
רייסן פון טאַטנס מלבוש,
אויך פון דער מאַמעס קלייד.

פון אַ פערד געריסן האָר
האָב איך, ווי יעדעס קינד;
דער בעל-עגלה איז אין שענק,
דאַרף איך רייסן געשווינד.

נחמן ווינער

אין גערטנער פּירות רייסן
בין איך געווען נישט פויל;
די באַרנעס פולע מיט זאַפט,
פאַרגאַסן האָבן ס'מויל.

אויף בוימער קלעטערן הויך
איז דאַמאָלסט געווען לייכט;
די פלוימען מיט טוי באַדעקט,
פון נאַכט-ראָסע נאָך פייכט.

די עפּעל — יעדער אַ פונט,
זיס און זויער ווי ווייַן;
ווען דער גערטנער שלאָפט פאַרטאָג,
צייט פון רייסן פלעגט זיין.

* * *

מיין רבי רב משה ליב
איז געווען אַ דימאַנט;
ר'האָט ליב געהאַט תלמידים,
געלערנט מיט טאַלאַנט.

ער איז קיינמאָל בייז געווען,
ווי אַ חבר גערעדט:
„די וועלט שטייט אויף שלום —
שלאָגן זיך איז אַ חטא."

פּיראָונזעכציק

שטראַלן

געלויטערט אין אונז דאָס ליכט,
די תורה איז דאָס ציל;
דערציילן שיינע מעשות
פלעגט ער אונז אזוי פיל.

שבתים און יום-טובים
געצונדן היים דעם פלאַם;
ר'האָט אונז געלערנט שווימען
אין טיפן תלמוד ים.

דער רבי האָט געלערנט,
און ס'ליכט האָט העל געגלאַנצט;
אַ וועלט לויטער רוחניות —
פון פרייד האָט ס'האַרץ געטאַנצט.

יאוש איז אונז געווען פרעמד,
צו הייליגקייט געצילט;
האָט דאמאָלסט עפּעס געפעלט,
האָבען מיר נישט געפילט.

* * *

קינדער, חברים, פרייליך
איז געוועזן דאָס געזאנג;
ברייט אונזערע יונגע הערצער,
און ווייניג דער פאַרלאַנג.

פינפאונזעכציק

נחמן ווינער

דער שכל אומאנטוויקלט,
האָט נישט געזוכט אַ צוועק;
דאָס לעבן אַ טיפער ים —
ברייט געווען אָן אַ ברעג.

כוואַליעס האָבן געשטורמט,
די ברעגן ווייט פאַרפלייצט;
יוגנט, דער יצר הרע,
האָט צום לעבן גערייצט.

זומער אין טייך געבאָדן,
ווינטער אויפ'ן אייז געגליטשט;
איז דער טאַטע בייז געוואָרן,
האָט די מאַמע געשיצט.

דער טאַטע האָט געשריען:
„דו לאָזט אים וואַקסן רוי!...
מיט באָד־יונגען חבר־זיין —
צולאָזן ווי אַ גוי.

שטראָלן

כ'וויל ער זאָל לערנען גמרא —
פאַרלאַנג איך דען אַ סך?
כאָטש אַ פּרק משניות,
און אַביסל תנ"ך.

ער דאַרף קריגן געשלאָגן,
וויפיל עס קאָן אַריין;
דו מיינסט ער וואַקסט אַ רב? —
ר'וועט אַ בעל־מלאכה זיין."

* * *

מיין מאַמע האָט צאַרט געזאָגט:
„באָדן איז אַ געפאַר,
כאָטש דו קאָנסט גוט שווימען —
זאָל גאָט שיצן פון צער.
ס'וואַסער מוז האָבן אַ מענש,
אַ קליפּה שלעפּט אַריין;
שרעק פאַרשאַפסטו דיין מאַמען —
פאַר מיין קינד, זאָל מיר זיין.

זיבנאונזעכציק

נחמן ווינער

מאַכסט די שטוב פאר א גיהנום,
דער טאַטע איז גערעכט;
דו מוזט אָנהויבן לערנען —
אן עם-הארץ איז שלעכט.

מיין קינד, זאָלסט פלייסיג לערנען,
איך בעט דיך, שווער מיר צו;
זאָל איך איבער הונדערט יאָר
אין קבר האָבן רו.״

* * *

ווען ס׳טרעפט,איך בין ביחידות,
און ס׳האַרץ איז פול מיט פיין,
דערהער איך קינדער לאַכן —
וויל איך אַ קינד נאָך זיין.

פאבלעז

פערד

אַ געל פערד — אַ בולאַן,[1]
ער האָט פיינט גיין אין שפּאַן.
האָט זיך געווענדט צום גניאַדע,[2]
און צום שימל,[3] און צום קאַשטאַן —[4]
נישט פאַרגעסן דעם יונגן שפּאַק,[5]
און דעם אַלטן טאַטערטשאַק,[6]
און דעם קאַרע אודאַי.[7]

אַ פאַרזאַמלונג פון פערד באַלד,
גערופן האָבן צום גרויסן וואַלד.
דאָס ערשטע וואָרט קריגט דער בולאַן,
ער גייט פאַראויס עטליכע שפּאַן:
ווי לאַנג וועלן מיר עסן קלייען?
איעדן טאָג לעבן פון היי,
דאָס איז אַ מאכל אָך און וויי —
מיר קריגן האָבער זעלטן צו קייען.

„הערט מיך אויס, ברידער פערד!
ווילן מיר האָבן דעם ריכטיגן ווערט,
מוזן מיר באַלד גרינדן אַ פאַראיין,
איעדעם פערד אויפצוקלערן,

1) א בולאַן: א העל געל פערד. 2) אַ גניאַדע: טונקל־רויט. 3) א שימל: גרוי. 4) אַ קאַשטאַן: טונקעל־ברוין. 5) א שפּאַק: ווייס מיט גרוי געפּלעקט. 6) א טאַטערטשאַק: ווייס מיט רויט. 7) אַ קאַרע: אַ שוואַרץ פערד.

נ ח מ ן ו ו י נ ע ר

זיי זאָלן נישט פון ווייטן שטיין,
ווען מיר וועלן סטרייקן גיין —
אחדות זאָל נישט אויפהערן.

ברידער פערד, עס איז שוין צייט
צו פאַרגעסן דעם נאַרישן שטרייט,
כאָטש מיר שטאַמען פון פאַרשידענע ראַסן ;
גלייך פילן מיר אַלע די בייטש
זי דערקלערט אונז שטרענג דעם טייטש —
שניידנדיג פון אונז פּאַסן.

דאָס אליין איז אַ פאַרדראָס :
עס שפּאַנט אונז איין יעדער באַלעבאָס,
און טרייבט אונז שלעפּן זיין וואָגן ;
דאָס וועטער מעג זיין ווי שלעכט,
די ערד גליטשיג, פינסטערע נעכט —
מיר האָבן קיין דעה צו זאָגן.

באַשליסן מוזן מיר אויף דעם אָרט,
זאָל יעדערער פריי זאָגן זיין וואָרט ;
זיינט איר וויליג אייביג צו ליידן ?
צי ווילט איר וואַרפן פון זיך געצייג,
און ארויס ווי פערד אין סטרייק —
איר קאָנט דאָס ניט אויסמיידן.״

צוויואונזיבעציק

ש ט ר אַ ל ן

די פערד האָבן געהירזשעט באַלד,
אַ הוראַ האָט הילכיק געשאַלט.
און פון קאָפּיטעס דאָס קלאַפּן:
„עס זאָל לעבן דער בולאַן!
ער זאָגט אַ גוטן פּלאַן —
אים וועט דער טייוול ניט כאַפּן."

אַ צווייטער רעדנער, — אַ קאַשטאַן, —
האָט גערעדט געגן דעם פּלאַן:
„דער חבר האָט פאַרגעסן;
ווילט איר פאָלגן דעם בולאַן,
און ארויסגיין אין אַ סטרייק, —
וועט איר אלע אַ פייג,
פון באַלעבאָס קריגן צו עסן."

אַ דריטער רעדנער, — אַ יונגער שפּאַק, —
האָט געזאָגט: „די בייטש איז אַ חק.
מ'וויל אונז אַלע חלילה פאַרפירן;
איך האָב פון באַלעבאָס אליין געהערט,
עס וויל נישט גיין דאָס בעסטע פערד —
דער באַלעגאַלע מוז אונטערשמירן."

נ ח מ ן ו ו י נ ע ר

אַ פערטער רעדנער, — אַ טאַטאַרטשאַק, —
האָט געזאָגט: „נאַריש איז דער שפּאַק,
און רעאַקציאָנער — דער קאַשטאַן:
מ'וועט נישט האָבן צו עסן?
איך זאָג: גערעכט איז דער בולאַן!
וואָס האָבן מיר פון באַלעבאָס?
מיר קריגן סיי ווי טרוקן גראָז —
דאָס דאַרפט איר ניט פאַרגעסן."

אַ פינפטער רעדנער, — אַן אַלטער קאַרע, —
האָט גערעדט, מיט שוים און פאַרע:
„איר ווילט סטרייקן ביים באַלעבאָס?
ווער וועט אונזער פעל רייניגן,
און ליגן שטרוי אין שטאַל?
איך האָב מיין אייגענעם כלל —
מיר קאָנען זיך נישט פאַראייניגן."

אַ זעקסטער רעדנער, — אַ הויכער גניאַדע, —
האָט געזאָגט: „כ'וויל נישט אַ ליאַדע
בולאַן זאָל אונז אָרגאַניזירן;
הערט אים נישט — ער איז געל!

ניט אויסגעהאַלטן פּרינציפּיעל!
ער קאָן אונז אַלע נאָך פאַרפירן.״
„נישט פּרינציפּיעל!״ — האָבן געהירזשעט פערד,
וואָס זיינען אַביסל אויפגעקלערט.

דער לעצטער, — אַ שימל וואָלקן־גרוי, —
האָט געוויזן צייכנס ברוין און בלוי:
„איר ווילט זיך קריגן איבער פּרינציפּן?
וועל איך אייך באַלד ווייזן,
אַז מיינע קאָפּיטעס זיינען אייזן,
און אייך צוברעכן אַלע ריפּן.״

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס גרינדן פון פאַראיין איז געוואָרן צושטערט,
און עס ליידן אייביק די נאַרישע פערד.

נ ח מ ן ו ו י נ ע ר

דער ווייס־רויטער האָן

אַ ווייסער האָן,
מיט אַ הויכן טאָן,
האָט געזונגען זיין קו־קו־רע־קו:
„פון געטליכן פלאַם,
ווערט רויט מיין קאַם,
דערפאַר לאָזט מיך קיינער צורו.

איך באַשיץ אין הויף
איעדערעס עוף,
זאָל קריגן אלערליי שפייז;
הונט און קאַץ,
מויז און ראַץ,
קאָן איך רופן פאַר אַ באַווייז.
אין יעדע צייט,
בין איך גרייט,
אין קאַמף פאַרגיסן בלוט;
קריג איך אַ פּיק,
גיב איך צוריק, —
קיינער קאָן נישט ברעכן מיין מוט.“

זעקסאונזיבעציק

שטראַלן

אַ מוטיגע הון,
באַליידיגט דערפון,
האָט געענטפערט דעם ווייס-רויטן העלד:
„דו קרייעסט אַ סך,
פון אַ הייליגער זאַך, —
צו זיין אַ דיקטאַטאָר ביזטו געשטעלט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס,
ביזטו באַלעבאָס,
דיין ווילן צו הערשן האָט קיין סוף;
דו לייגסט נישט אַן איי,
און מאַכסט אַ געשריי, —
שטערסט ווי אַ משוגענער אַלע דעם שלאָף.

אַלעם אין הויף,

פרעסט דו אויף,
און לאָזט גאָרנישט איבער פאַר אַ הון;
הערסטו אַ קריי,
ביזטו איינס און צוויי, —
פאַרטיג צו שלאָגן, דאָס קאָנסטו טון.

אַ ליידאַק ביזטו, און עסט אומזיסט ברויט;
כאָטש דו באַרימסט זיך, דיין קאָם איז רויט.“

זיבנאונזיבעציק

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

צוויי הינט

א נאַריש הינטל — אַ צווערגל, —
האָט דערשמעקט פּעטע ביינער,
טיף אין „זיין“ מיסט־בערגל —
צו נעמען קאָן דאָס נישט קיינער.
ער האָט געגישטערט ווידער שטייגער,
געמאַטערט זיך עטליכע שטונדן:
נישט געאַרט האָט אים דער זייגער —
מיט אַנדערע הינט זיך נישט פאַרבונדן.
ער האָט שפּעטער געפרעסן די ביינער,
שכנים הינט געוויזן די ציינער,
און העלדיש מיט גאווה ער האָט געבילן:
„איך קאָן בייסן דעם לייב און דעם טיגער!
און געגן דעם וואָלף ביז איך דער זיגער —
אַליין לעבן, איז מיין ווילן.“

עס האָט אים געפרעגט א גרעסער הינטל,
פון דעם ריכטיגן פרעסער געזינטל:
„דו ווילסט זיך שלאָגן מיט מיר מיין ליבער?
צעגריזשען וועל איך דיינע ביינער,
אַנטלויף נישט, העלד אָן ציינער —
איך גיי באַלד צו דיר אריבער.“

אכטאונזיבעציק

שטראַלן

„זיי מיר מוחל, מיין ליבער שכן,
דעם אמת מוז איך דיר זאָגן:
איך בין מיד, די פּים צו שטאָכן, —
מיר קאָנען זיך נישט יעצט שלאָגן.“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד האָט געמאַכט אַ גערודער
ס'נאַרישע הינטל, דער ביינער עושר:
גערופן איעדען — „העלף מיר, ברודער!“
און געבעטן ביי שכנים יושר.

נײנאונזיבעציק

נחמן ווינער

דאָס פערד און דער אייזל

אַן אייזל וואָס מ׳האָט אויף אים געריטן,
אָפּגעשטעלט האָט זיך אין מיטן
און האָט געפאָדערט ישרנות:
ער האָט געוואָלט זיך אָנגעליטן,
האַנדלענדיג אַן עקשנות, —
מ׳האָט אים געשלאָגן אָן רחמנות.

אַ פערד איז דערנעבן געשטאַנען.
ווערלנדיג דעם אייזל דערמאָנען,
האָט אים אָנגעהויבן מוסר זאָגן:
„מ׳וועט דיך נאָך איינשפּאַנען,
ווי א פערד אין וואָגן,
און וועסט נאָך משא טראָגן.

איך פארשטיי נישט אַפּנים:
זיינען אלע אייזלען נאַראָנים,
און פארשטייען נישט זייער לאַגע?
דיין פעל האָט פון קלעפּ סמנים!
וועסט אפשר ברענגען אַ קלאַגע?
ענטפער מיין פראַגע.״

אכטציק

ש ט ר אָ ל ן

געענטפערט האָט דער אייזל:
„וואו שטופסטו דיין פערדיש נעזל?
דו אַרבעטסט שווער פארן האָבער,
און ציטערסט פאַר שמיץ ווי אַ העזל;
דאָס צו פאַרשטיין אָבער,
איז דיין קאָפּ אַ גראָבער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

גיי דיר דיין וועג, דיין אָרט איז אין וואָגן;
איך וויך אויף מיין רוקן קיין משא נישט טראָגן.

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

דער הונט און דאָס פערד

אַ פערד אינם וואָגן פון פייער לייט,
דאָס פעל נאָס פון שוויים;
מיט געלאָפן ביי זיין זייט
איז א הונט און געבילן בייז.
ער האָט געשפרונגען נעבען פערד
און געבילן: „מיין ווערט
איז גוואַלטיג גרויס!
איך בין פּראָמינענט,
לויף לעשן א הויז,
פון פייער וואָס ברענט.

געענטפערט האָט ס'פערד:
„דיין בילן האָט קיין ווערט,
דו מאַכסט נאָר שטויב;
ווילסטו ניצליך זיין,
אין וואָגן שפּאַן דיך איין, —
ועסטו פאַרדינען לויב.“

צוויי און אכטציק

די שוואַלב און די טויב

דער ווינטער איז נאָך נישט געווען האַלב,
איז געקומען צופליען באַגייסטערט אַ שוואַלב, —
זי וועט אָפּשאַפן דעם ווינטער אין קאַלטן לאַנד:
„די ערד און די בוימער וועל איך מאַכן גרין,
עס וועט אָנהויבן זשומען די גאָלדענע בין,
און די זון וועט וואַרמען מיט איר גרויסן בראַנד.

צושמעלצן וועל איך ס׳דיקע אייז,
און וואַרעם וועט ווערן דעם אַלטן גרייז,
אַוועק וועט דער ווינטער ווי אַ בייזער שפּאַס;
פויגעליך צאַרטע, מיט זומער געזאַנג,
וועלן וועקן אין הערצער דעם שיינהייטס פאַרלאַנג,
יונגע קינדער וועלן זיך שפּילן אין גאַס.

הערט מיין עצה איך בין אייער פריינט,
דעם וואַרמען זומער ברענג איך היינט,

עסן און טרונקן וועט איר האָבן זאַט;
איך רוף אייך צו מיר, ווי ליבע געסט,
שטאַרק און גרוים איז געבויט מיין נעסט —
איך וויל אייך פירן, פאָלגט מיין ראַט.“

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

עס האָט געענטפערט א טויב
דער שוואַלב: „איך גלויב
דיינע ווערטער זיינען פאַלשע טרייסט;
ווען ס'לעצטע שפייז איז פאַרצערט,
און יעדע נעסט איז האַלב צושטערט —
איבעראַל שניי און אייז וואו דו גייסט.

קאַלטע ווינטן בלאָזן אָן א סוף,
און דער ווינטער הערט נישט אויף,
דער הימל מיט שווערע וואָלקנס פאַרשטעלט;
די זון קוקט אויף אונז קרום,
און די פויגל שוויגן שטום. —
אַ טויטע שטילקייט באַהערשט די וועלט.

ביזט אודאי ביים שכל נישט קלאָר,
פאַרדרייסט אַ קאָפּ פון יאָר צו יאָר,
ווילסט גליקליך מאכן די גאנצע וועלט;
אליין ביזטו א גרויסער נאַר,
פאַרשאַפסט דיר און אַנדערע צער, —
דו שטאַרבסט אין פרילינג פאַר קעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען דאַרף זיין דומער פון א יונג קאַלב,
צו גלויבן זומער וועט מאכן איין שוואַלב.

די פליג און די בין

א בין אין גאָרטן איז אריינגעקומען.
אַ פליג האָט ריידן מיט איר גענומען:
„איך וויים נישט פאַרוואָס מענשן דיך ליבן, —
קנאה׳דיג האָט זי אָנגעהויבן, —
דו נאַשסט דאָס בעסטע פון די בלומען,
און ווייסט קיין אַנדער זאַך ווי זשומען.
יאָ, דיי מלאכה איז אויך צו שטעכן,
אויך נישט קיין שיינע זאַך איך רעכן.“

„דו נאַרישע פליג, עס פעלט דיר שכל, —
האָט די בין געענטפערט מיט אַ שמייכל, —
מיר שטעכן אמאָל, גלויב מיר ערליך,
ווען דער שונא ווערט אונז געפערליך;
דו הויבסט גאָר נישט אָן עפּעס צו וויסן,
ווער ס׳טוט די מענשן ס׳לעבן פאַרזיסן!
אמת, אונזער געזאַנג קלינגט איינטאָניג,
דערפאַר באַשאַפן מיר וואַקס און האָניג.“

פינפאונאכטציק

נחמן וויגער

דער אָדלער און דער האָן

אַן אָדלער איז אַראָפּ געפלויגן צו דרערד,
אַ הונגעריגער זוכן שפּייז,
האָט געפונען שניי און אייז,
און דערצו באַליידיגונג דערהערט.
אַ שטאָלצער האָן,
און נאַריש זיין טאָן,
פון אָדלער האָט געלאַכט:
„וואָס מאַכסטו הויכער גאַסט?
דיין קעניגליכע מאַכט
האָט דיך פאַרלאָזט,
ווינטער, אין אַ פראָסט,
דו מיינסט עס פאַסט?
אַ קעניג פון פויגלען קומט צו דרערד,
ווען ער איז אין אַ נויט, —
זאָל דיר זיין נישט געשטערט,
צו עסן מיין ברויט.“

זעקסאונאכטציק

שטראַלן

דער אָדלער האָט געענטפֿערט דעם האָן:
„דו ביזט נאַריש צו פֿאַרשטיין,
ווי דו האַנדלסט געמיין,
צו קרייען פֿאַסט דיין טאָן;
דער הויף איז דיין גאַנצע וועלט,
דער מיסט־קאַסטן — דיין געצעלט.
איך שנייד מיט מיינע פֿליגלען די לופֿט,
מיין נעסט בוי איך אויפֿ'ן העכסטן בוים,
דער בלויער הימל מיך רופֿט,
און דער גרינער וואַלד איז מיין טרוים.
איך פֿלי אַראָפּ צו דרערד אויך,
אַ האָן וועט קיינמאָל פֿליען אין דער הויך."

זיבנאונאכטציק

נ ח מ ן ו ו י נ ע ר

דער העלפאַנט און דער פוקס

אין צירק אַ העלפאַנט,
רייך אין פאַרשטאַנד,
האָט באַוועגנדיג זיין ריסל-נאָז,
געלויבט זיין טאַלאַנט:
„איך לאַך פון מיין באַלעבאָס —
מיין גוף איז גרויס,
גיב איך זיך אַ הויב,
טענענבוימער רייס איך אויס,
פון לייב איך מאַך שטויב.

אַ טיגער און אַ בער
קאָן איך טויטן נישט שווער,
ווי עסן אַ בינטל גראָז;
איך דאַרף נישט מער,
ווי געבן אַ בלאָז,
זיי פאַלן פון שרעק,
ווי שוואַכע שאָף,
די אַנד'רע לויפן אַוועק, —
פילנדיג זייער סוף.“

אכטאונאכטציק

שטראַלן

אַ פוקס האָט פון אים געלאַכט:
„איך ווייס — שטאַרק איז דיין מאַכט,
דאָך ציטערסטו פאַר׳ן באַלעבאָס.
איך שטיי און טראַכט:
פאַרוואָס
צוברעכסטו נישט די שטייג?
ביסטו שוואַך?
דיין גבורה צייג,
אַ סוף מאַך.

איך הער דיין לויב,
מיינסטו איך גלויב
דיר איין וואָרט?
דו וועסט זיך אַ הויב
טאָן פון אָרט.
דו ביזט פאַרשפאַרט,
צוזאַמען מיט פערד,
דו בלייבסט גענאַרט
און נישט אויפגעקלערט.
דו ביזט שטאַרק, און גרויס דיין וואוקס,
דיר פעלט בלויז שכל פון אַ פוקס.

גיינאונגאכטציק

נחמן ווינער

די מויז און דער פויגל

אַ מיטלמעסיגע מויז,
איז פון א קעלער ארוים;
זי האָט דערהערט א פויגל־געזאַנג:
„איך וואָלט אַ בעלן געווען,
דעם זינגער צו זען, —
איך וועל לויפן נאָך דעם קלאַנג.

„אַ גוטן מאָרגן דיר!
דער בוים איז דיין קוואַרטיר?
דו זינגער הער מיך אוים:
הויב נישט דיין קאָפּ,
קוק נאָר אראָפּ —
האַלט דיך נישט אזוי גרוים.

אָרים דיין קעסט,
שוואַך דיין נעסט,
אַ שפּילצייג פאַר רעגן און ווינט;
פאַלט אָן א שניי,
איז אָך און וויי, —
וואַסער אויף דיין קאָפּ רינט.

איך האָב געהערט אַ קלאַנג:
פאַר דיין געזאַנג,
קריגסטו נישט באַצאָלט;
מעגסט גלויבן מיין וואָרט,
איך אויף דיין אָרט,
וואָלט נישט זינגען געוואָלט.“

נײַנציק

שטראָלן

„דו איינפאַכע מויז,
פון אַ פּוסטע הויז, —
האָט געענטפערט ס׳פליגל־קינד.
דו וואוינסט אין אַ לאָך,
און רעדסט נאָך
פון געזאַנג, נעסט, רעגן און ווינט.

איך לעב אויף א בוים,
און זינג מיין טרוים.
וואָס אַרט מיך שניי, רעגן און קעלט;
מיין בליק איז ווייט,
מיין האַרץ איז ברייט —
איך האָב הנאה פון גאָט׳ס וועלט.

לאָז מיך צו רו,
אַזעלכע ווי דו,
פארשטייען ניט דעם בורא׳ס געשאַנק;
נאַרישע מייז,
פרעגן דעם פרייז, —
וויפיל קריגסטו פאַר דיין געזאַנג.

איינאוביינציק

נחמן ווינער

דער לייב, דער טיגער און דער האָז

דער לייב, דער קעניג פון וואַלד,
זיין ברומען האָט געשאַלט:
„וואו איז מיין פריינט, דער טיגער,
און דער וואָלף, און דער בער,
צו זעען זיי איז מיין באַגער;
נישט אַלס קריגער, —
ווי אַ פריינט, און נישט מער.

פינקטליך אין צייט,
פון נאָענט און ווייט,
זאָל קומען יעדער קריגער;
אַלע שכנים פון וואַלד,
פאַרזאַמלט אייך באַלד, —
עס וועט רעדן דער טיגער,
און חיות פון שענסטן געשטאַלט.

עס מעג קומען דער שרעקעדיגער האַז,
און חיות, וואָס עסן בלויז גראָז,
עס וועט יעדער מעגן פריי זאָגן,
אָן אַ שום אָפּהאַלט,
עס מאַכט נישט אויס, יונג צו אַלט,
ווער עס האָט זיך צו באַקלאָגן,
אַז אים פעלט עפּעס אין וואַלד.“

צוויי־און־זיבעציק

שטראַלן

די פאַרזאַמלונג איז געוואָרן אַ פאַקט.
דער לייב האָט גערעדט מיט טאַקט,
און דעם טיגער געשטעלט אַ פראַגע:
„זאָג מיר מיין פריינט,
ווער איז דיין פיינט?
האָסט געגן וועמען אַ קלאַגע? —
דער משפט וועט זיין היינט."

דעם טיגערס שטימע האָט געשאַלט:
„דו שטאַרקער קעניג פון גאַנצן וואַלד,
ווילסט דיינע בירגער אויסהערן?
איך לייד שרעקליך פון האָז,
ער פרעסט אָפּ ס'גאַנצע גראָז,
און לאָזט גאַרנישט איבער פאַר וועלף און בערן. —
וואָס איך זאָג, דער אמת איז דאָס."

געענטפערט האָט דער האָז:
„מיין דערנערונג איז בלויז גראָז,
ווי אלע מיינע ברידער.
דער טיגער איז אומגערעכט,
אַז איך האַנדל שלעכט,
און בין אלעמען דערווידער.
הער מיך אויס, דיין קנעכט:
צו זיינע מעשים איז ער שטום און טויב,

נ ח מ ן   ו ו י נ ע ר

ער אליין לעבט פון רויב,
דעם שוואַכן צו דערשטיקן,
און האָט נאָך טענות צום האָז,
וואָס עסט בלויז גראָז,
און טוט נישט, ווי ער, פאַרצוקן, —
נאָך זיין מאָס...“

דעם לייבס שטימע האָט באַלד
געהילכט איבערן וואַלד.
עס זאָלן אַלע הערן:
דער שרעקעדיגער האָז, —
אים שרעקט פון ווינט א בלאָז,—
באַלאַנגט צו די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן,
און רעספּעקטירט נישט דעם באַלעבאָס...“

דאָס איז געווען א קריגס־סיגנאַל,
צו מאַכן אויף האָזן אַן איבערפאַל.

פּיראָונייןנציק

דער כלב

ניק, אַ ווייסער הונט, מיט אַ קלאָר קול צו בילן,
זיין אפעטיט צו עסן, שווער צו שטילן:
אנשטאט צו היטן ס'הויז פון גנבים, —
לקח'ענט ער פלייש ביי די קצבים.

אין הלכות ליבע — נישט קיין איבערקלייבער;
ער בילט אימער פון זיין הינטישער ליבע.
ביי שוואַכערע הינט נעמט ער צו די ווייבער,
און ממית'ט יעדען חבר — על פי סבה.

ער אליין מיינט, ער איז נישט קיין שלעכטער,
גריזשענדיג פיס מיט אַ געלעכטער,
און מאַכט קיין אונטערשייד פון מיינע, דיינע;
ער וואַרמט זיך ביי דער זון פון פרי־מאָרגן,
אויב ס'פעלט אים צו עסן — גייט ער זיך באָרגן,
פאַרשטענדליך, ווערט ביי אים יענעמס — זיינע.

קומט מען אים מאָנען פלייש אָדער ביינער,
פאַרשווינדט זיין שמייכל. ער ווייזט ציינער:
„דו ביזט געקומען צו מיר בעטן עסן?
פון מיר צו נעמען — דאָס זאָלסטו פארגעסן.
קום נישט מאָנען, איך מאַך פון דיר אַ סעודה.
דאַנק און לויב מיך, ב'לאָז דיך גיין צו דיין בודע."

פינפאונייענציק

נחמן ווינער

דאָס חזיר און די ציג

א חזיר האָט דערזען אַ ציג,
פון רעגן און פון בלאָטע נאָס.
האָט ער געזאָגט מיט האָס:
„איך האָב אַ זיג.
מ'זאָגט איך אליין,
בין נישט ריין —
די ציג גייט מיט שטילע טריט;
דעם רינשטאָק מיידט זי אוים,
האַלט זיך ווי אַ רויז,
און קיין שמוץ עסט זי ניט.
קיינער איז נישט ריין!
יעדער איז ווי איך אַ שוויין."

געענטפערט האָט די ציג:
„מיין צופאַל רעכנסטו צו,
אַז איך בין שמוציג ווי דו, —
אַ טעות איז דיין זיג!
מ'לאַכט פון דיר, שוויין!
דו ווילסט נישט זיין ריין,
פון יעדע נבילה פרעסטו אַ שטיק;
ווי אַביסל שמוץ,
איז עם דיין פוץ, —
אין רינשטאַק זוכסטו גליק!..."

זעקסאונטנייינציק